# די דראהענדע לאגע אין רומעניען

## עס ווערען ערווארט נייע אנטי יודישע עקסצעסען. — פרעמיער מאניו האט איבערגעריסען דעם אורלויב

ווינ, 19 (יט"א טעלעגראפיש).
פון בוקארעשט קומען אין ווין, אז די לאגע אין רומעניען ווערט אלץ געפערליכער. די אומרוהען, וואס זענען האבען פארגעקומען ביז איצט, ווערען בעטראכט אלס פארשפיל צו די געשעהענישען, וואס דארפען ערשט קומען. אין צוזאמענהאנג מיט דער לאגע האט דער פרעמיער מאניו איבערגעריסען זיין אורלויב און איז געקומען קיין בוקארעשט.

## אוסישקין און ד"ר האנטקע קומען קיין אייראפא

ירושלים, 19 (יט"א טעלעגראפיש).
אינוש. אוסישקין און ד"ר האנטקע זענען ארויסגעפאהרען קיין אייראפא.

## שטרייק פון 20 טויזענד טעקסטיל-ארבייטער

פאריז, (א. ט. א.).
אין דער אומגעבונג פון ליל האבען פערשטרייקט 20 טויזענד טעקסטיל ארבייטער.
דער שטרייק איז אויסגעבראכען צוליב דעם, וואס עס זענען איינגעפיהרט געווארען די פערזיכערונגס-אפצאהלען און די פאבריקאנטען האבען זיך אפגעזאגט אין צוזאמענהאנג דערמיט צו העכערען די לוינען.

## די רעגירונגס עדות פאר דער אינטערנאציאנאלער כותל-מערבי קאמיסיע

ירושלים, 19 (יט"א טעלעגראפיש).
די כותל מערבי קאמיסיע האט אויסגעהערט דעם ערשטען רעגירונגס-עדות, דעם ירושלים'ער דיסטריקט קאמיסאר ראטש. ער האט ערקלערט, אז דער קאנפליקט ארום כותל-מערבי איז ענטשטאנען צוליב דער צו רעשיגער יודישער עמיגראציע פון די לעצטע יאהרען, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט איבערנעהמען דעם אייסמאנדאט דורך די ענגלענדער. אין יאהר 1928 האט די רעגירונג נישט ערלויבט אויפצושטעלען די מחיצה ביים כותל-מערבי, ווייל זי האט נישט געוואלט שאפען ביי די יודען די פארשטעלונג, אז זיי האבען איינגעשטאם-רעכט אויפ'ן כותל.

## די קאלאניע ערטוף ווערט צוריק אויפגעבויט

ירושלים, 19 (יט"א טעלעגראפיש).
די יודישע אגענץ האט אסיגנירט 200 טויזענד פונט שטערלינג אויף אויסצובויען צוריק די קאלאניע ערטוף, וועלכע איז חרוב געווארען בעת די אויגוסט-געשעהענישען.

## סענסאציאנעלע ידיעה וועגען ענגליש-רוסישען פראיעקט

### צו שאפען א יודיש ארץ-ישראל

ניו-יארק, 19 (יט"א טעלעגראפיש).
דער הינער טיימס טיילט מיט, אז די אקציע פון די אראבער אין נגעף, וואס שטיצט זיך אויף די פערשפרעכונגען פון באלפור האבען קנאפע שאנסען אויף ערפאלג. אין געוויסע אראבישע קרייזען ווייזט מען אן, אז די פערפליכטונגען וועגען וועלכע ס'רעדט זיך דארט זענען נוגע בלויז אראבישע לענדער און נישט ארץ-ישראל.
די זעלבע צייטונג ברענגט אויך א סענסאציאנעלע ידיעה: אין יאהר 1916 איז דער דעמאלסדיגער ענגלישער אויסערן-מיניסטער לארד גרעי אין רוסלאנד געטראטען מיט א פארשלאג צו דער רוסישער רעגירונג וועגען ארץ-ישראל. אינ'ם פראיעקט איז פארויסגעזעהען געווען א ספעציעלער רעזשים, וואס זאל איינגעפיהרט ווערען אין ארץ-ישראל און זאל ערמעגליכען די יודען די קאלאניזאציע און אז אין נאך א געוויסער צייט, זאל די יודען איבערגעגעבען ווערען די אנפיהרונג מיט דער אינערליכער אדמיניסטראציע אין לאנד.

---

## עגיפטישע רעגירונג פראטעסטירט

### געגען דעם ארויסשיקען ענגלישע קריגס-שיפען

לאנדאן, 19 (ספ. טעל.) פון קאירא מעלדעט מען, אז דער עגיפטישער פרעמיער האט איבערגעגעבען דעם בריטישען קאמיסאר אין אלעקסאנדריע א פראטעסט פון דער עגיפטישער רעגירונג אין נאמען פון עגיפטישען פארלאמענט. פון עגיפטישען שטאנדפונקט, הייסט עס, איז עס אן עקשן, דאס ארויסשיקען ענגלישע קריגס-שיפען קיין עגיפטען ארייננמישונג אין אינערליכע ענינים פון עגיפטען. די עגיפטישע מאכט האט צוריקגעשטעלט די אדנונג אין אלעקסאנדריע און די אגיטאטארען וועלען בעשטראפט ווערען. די עגיפטישע רעגירונג האט געפאדערט אז די איבערדרוקמאכט אויף אבצוהיטען די ווירקליכע טויזען פון עגיפטען לעבען און פערמעגען פון די איינוואוינער. בייזוועלכע בעדינגונגען איז די אנוועזענהייט פון ענגלישע קריגס-שיפען אין עגיפטען איבעריג.

---

## בלוט גיסט זיך ווייטער עגיפטען

### נייע גרויסע דעמאנסטראציעס אין אלעקסאנדריע

לאנדאן (א.ט.א.).
אין אלעקסאנדריע (עגיפטען) איז ווידער געקומען צו אומרוהען. א גרויסער המון האט איינגעארדענט א דעמאנסטראציע געגען דער רעגירונג. פאליציי האט בענוצט געוועהר און עטליכע מענשען זענען פארוואונדעט געווארען.
אויף מאנטאג ערווארט מען אומרוהען אין קאירא, ווייל א רייהע דעפוטאטען האבען בעשלאסען אפצוהאלטען א זיצונג אין געביידע פון פארלאמענט, הגם דער פארלאמענט איז געשלאסען.

---

## נייע געביידע פון דער ווארשאווער באהן-דירעקציע




יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן.

נאר 3 גאסטראלען פון גוט-בעקאנטען און באליבטען ארטיסט פון אמעריקא נאר 3 גאסטראלען

הערמאן סעראצקי

געוועזענער דירעקטאר פון לאדזשער יודישען טעאטער.

פאלקס-פרייזען פון 80 גר. ביז 3 זל.

היינט, זונטאג, דעם 20-טען 9 אווענד | מארגען, מאנטאג, דעם 21-טען 9 אווענד

דינסטאג, דעם 22-טן יולי, 9 אווענד לעצטע פארשטעלונג

פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין לאדז! נייעם!
דער לעצטער אמעריקאנער שלאגער!

דער אפגעשטער מאן

אין 3 אקטען מיט געזאנג פון ז. פלוני. הערמאן סעראצקי אין דער טיטעלראל.

— פערזאנען: —

| | | | |
|---|---|---|---|
| יצחק דווארקין | — ראקאוו | פאני, הערש'ס פרוי | — נערה |
| דבורה, זיין ווייב | — פאדערמאן | בארים, הערש'ס חבר | — האמבורגער |
| הערש | (הערמאן סעראצקי | מנשה פופסקי | — הערשקאוויטש |
| מערי זייערע קינדער | (בעזמאן | ווילי, אקטיאר | — באלבירסקי |
| סיידי | (ליבראווסקא | | |

דירינגענט — ל. זעלמאן. סצענאריוש — ד. אריעל. סופלער — וו. נייהויז.
בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.



אט דאס זענען די

# 100 פרעמיעס פרעמיעס

## פון דער 3-טער סעריע

## פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס פון „נייעם פאלקסבלאט“

1 עלעקטרישער זשיראנדאל
1 שווייצארישער פאטעפאן
1 וויזשימאשקע
5 דעטעקטארען
2 פעלדבעטלעך
15 פעלד-בענקלעך

3 לעזשאקעס
1 קינדער-לעזשאק
פון דער ערשטער לאדזשער פאבריק פון פעלד-בעטען „Palma Patent“ ש. שווארצאווסקי, פולנאצנע 24, וועלכע פראדוצירט טויזענדער פעלד-בעטען מאנאטליך.

10 פרעמיעס צו 1/4 טוץ פאטאגראפיעס
פון דער קונסט-פאט. אנשטאלט „פאריזיען“
3 מענער-היט
3 פולאווערס

3 חודש-אבאנעמענטען
10 פלאשען קעלניש וואסער
2 פערפום-באמבאניערעס
10 עלעקטר. טאשן-לעמפלעך
30 קינא-בילעטען

כדי זיך צו בעטייליגען אין דער 3-טער סעריע פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס איז גענוג צוזושטעלען בלויז 20 קופאנעס. שניידט אויס דעם קופאן

